#17

# בליצן

נטרונא
True Torah Jews

מאמענטאלע
נייעס
פון נטרונא

פ' במדבר תשע"א לפ"ק

True Torah Jews • 183 Wilson Street, suite 162 • Brooklyn NY 11211 • Tel: (718) 841-7053 • Fax: (718) 504-4513

אם החרש תחרישי כעת הזאת?

# איזראַעלישער פּירער און זיינע שטיצער קומען אַרויס הוצפּה'דיגע סטעיטמענטס קעגן אַמעריקאַנער פּרעזידענט; געפערליכע התגרות באומות איז מסכן אידישע קינדער איבער דער גאָרער וועלט

## נתניה נוצט השתוקקות צו ירושלים פאַר זיין כפירה'דיגע נאַציאָנאַליסטישע אַגענדע; זאָגט "כלל ישראל" וועט נישט באַקומען נאָך אַ שאַנס" עפ"ל

## נטרונא שפּרינגט אַריין אין קאָסטבאַרע ראַדיאָ קאַמפּיין אָפּצושרייען סכנה פון כלל ישראל און שרעקליכער חילול השם

**וואַשינגטאָן** – כלל ישראל האָט זיך ווידער אַמאָל געטראָפן אין צענטער פונעם אַלוועלטליכן שטורעם און אין די פאָדערשטע בלעטער פון אַלע צייטונגען, ווען עס איז ווידער אַמאָל גאָר שטאַרק אַרויסגעקומען דער אימעזש אַז איזראַעל האַלט וואַשינגטאָן ביים גענאַק, און ערלויבט נישט פרעזידענט אָבאַמאַ אויספירן זיין אַגענדע אינעם מיטל מזרח. ליידער ווייזט די היסטאָריע אַז אַזעלכע רייבערייען, רופן אַרויס בייז-בלוט ביי די אומות העולם, וועלכע זעען דערין אַ באַשטעטיגונג אַז איזראַעל איז דער מקור פון די פּראָבלעמען אינעם מיטל מזרח, און עס פירט אַריין כלל ישראל איבער די וועלט אין געפערליכע סכנות.

כדי לקדם פני הרעה, איז דער באַרימטער מוסד 'נטרונא' אַריינגעשפּרינגען אין אַ קאָסטבאַרער ראַדיאָ קאַמפּיין, צו דערקלערן די ריכטיגע שטעלונג פון ערליכע אידן, וועלכע זענען קעגן די רייצערישע שריט און קעגן די אָקופּאַציע און עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

## פּאָליטישע השתלשלות אין די לעצטע טעג

פאָלגענד איז אַ קורצן בליק וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט במשך עטליכע טעג, און דער געפערליכער חילול השם וואָס דאָס ברענגט, און די ביטערע קאָנסקווענצן וואָס דאָס קען חלילה נאָכברענגען:

### אָבאַמאַ: איזראַעל-פּאַלעסטינער קאָנפליקט איז ווי אַ שאָטן אויף'ן מיטל מזרח; רופט צוריקצוגיין צו '67 גרעניצן

פאָריגן דאָנערשטאָג איז פּרעזידענט באַראַק אָבאַמאַ אַריבער צו די סטעיט דעפּאַרטמענט צו האַלטן אַ היסטאָרישע רעדע אין וועלכע ער האָט געזאָלט אַראָפּלייגן אַמעריקע'ס פּאַליסיס אינעם מיטל מזרח, אין אָנבליק פון די לעצטע פּראָטעסטן, אומרוען און רעזשים טוישונגען אינעם ראַיאָן.

צו לעזן די אישוס אינעם מיטל מזרח, האָט דער פּרעזידענט אַדרעסירט דער שורש פון די פּראָבלעמען אינעם מיטל מזרח, וואָס ברענגט די מוסלעמענער טעראָר איבער די וועלט און פילע אַנדערע פּראָבלעמען. דאָס איז – האָט דער פּרעזידענט געזאָגט – "דער קאָנפליקט צווישן איזראַעליס און אַראַבער וואָס האָט אַרויפגעצויגן אַ שאָטן איבער'ן ראַיאָן." אויסער וואָס דאָס ברענגט טעראָר און האַס קעגן איזראַעלישע בירגער, און פאַר די פּאַלעסטינער ברענגט עס אונטערדרוקונג, האָט דער פּרעזידענט אָנגעוויזן אַז דאָס שטערט צוזאַמענאַרבעט, זיכערהייט און דעמאָקראַטיע אינעם גאַנצן מיטל מזרח ראַיאָן.

דאָס צו דערגרייכן, האָט ער אַרויסגעלייגט אַ רייע פּאַרלאַנגען צו די פּאַלעסטינער – אַריינגערעכנט אַז סיי וועלכע מדינה זיי גרינדען מוז בלייבן דעמיליטעראַזירט, און האָט אַרויסגערעדט קעגן אַליין גיין צו די יו.ען. צו דערקלערן אַ פּאַלעסטינער שטאַט. ווייטער, האָט ער אויך גערופן אַז "די גרעניצן פון איזראַעל און פּאַלעסטינע זאָל זיין באַזירט אויף די 1967 (תשכ"ז) ליניעס, מיט געמיינזאַם אָפּגעמאַכטע (לאַנד) אויסטוישן..." דאָס הייסט, אַז די גרעניצן זאָל'ן געשטעלט ווערן וואו זיי זענען געווען בעפאָר די זעקס טאָגיגע מלחמה, ווען איזראַעל האָט אָקופּירט די שטחים, עזה

←

און דעם מערב ברעג, אַריינגערעכנט אַלט-שטאָט ירושלים.ביידע זייטן קענען איינשטימען איינצוטוישן שטיקער לאַנד, דאָס הייסט איזראַעל קען געבן פאַר די פאַלעסטינער טעריטאָריעס אַריין פון די '67 ליניעס, כדי זיי זאָלן קענען אָנהאַלטן שטחים וואָס זענען אויפגעבויעט אויף די אָקופירטע געביטן, האָט דער פרעזידענט געזאָגט.

## חוצפה'דיגע רעאַקציע און העצרייען קעגן אָבאַמאַ

ווי געזאָגט האָט דער פרעזידענט אַרויסגעלייגט פאָדערונגען פאַר ביידע זייטן, און נאָכמער פאָדערונגען פאַר די פאַלעסטינער. פון זייער זייט האָט מען אָבער גאָרנישט געהערט – באַשיינפערליך ווייל זיי האָבן געוויסט אַז די איזראַעליס וועלן ממילא אָפוואַרפן די פלענער, און האָבן ליבערשט געוואָלט זיי זאָלן טאָן די שמוציגע אַרבעט... - בעת דער רוף צוריקצוגיין צו די תשכ"ז ליניעס האָט אַרויסגערופן אַ פלייץ פון קריטיק פון ציונ'יסטישע אינטערעסן, וועלכע זענען נישט גרייט אויפצוגעבן אויף די אָקופירטע געביטן.

**פרעזידענט אָבאַמאַ האָט אַליין זיך געוואונדערט אַז דוקא דער זאַץ האָט געצויגן "דעם חלק ארי (לייאָנ'ס שעיר) פון אויפמערקזאַמקייט צו רעדע."**

פרעמיער מיניסטער נתניה, וועלכער האָט אַ טאָג דערנאָך געהאַט באַשטימט אַ באַגעגעניש מיט אָבאַמאַ, האָט אַרויסגעלייגט אַ סטעיטמענט אַז די גרינדונג פון אַ פאַלעסטינער שטאַט "קען נישט קומען אויף איזראַעל'ס חשבון," און האָט פאַרלאַנגט אַז אָבאַמאַ זאָל זיך פאַרפליכטן צו לאָזן איזראַעל האַלטן גרויסע איזראַעל-באַזעצטע ישובים בלאָקס, און נישט צו דאַרפן זיך צוריקקערן צו די כ"ז גרעניצן, וועלכע זענען אומפאַרטיידיגבאַר.

ווייטער, האָט נתניה אויפגעברענגט אַנדערע פאַרהאַנקערונג פונקטן אין די פאַרהאַנדלונגען, ווי די פראַגע צי די פילע פאַלעסטינער פליטים וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל וועלן זיך קענען אַהין צוריקקערן. נתניה האָט געזאָגט אַז אויב זיי וועלן נישט באַזעצט ווערן אויסער איזראַעל, וועט מען נישט קענען ענדיגן דעם קאָנפליקט.

**אָט דער אַנטוואָרט, האָט זאָפאָרט קלאָר געשטעלט אַז איזראַעל איז אויסען צו טאָרפעדירן די מעגליכקייטן פון נייע שלום פאַרהאַנדלונגען, און איז נישט גרייט אפילו צו געבן קיין שאַנס אָנצוהייבן קיין געשפרעכן. דאָס ווידערהוילט פאַר די אומות העולם אַז די איזראַעליס זענען פאַרביסן און זענען אַ הויפט שטער צום וועלט שלום.**

און אויב האָט נאָך געפעלט פאַר אַנטיסעמיטן שטאָף, אַז אידן האַלטן דעם אַמעריקאַנער פרעזידענט געהיידזשעקט צו דאַרפן דינען איזראַעל'ס, אַנשטאָט טאָן וואָס עס לוינט זיך פאַר די אַמעריקאַנער אינטערעסן, האָבן זיי גענוג באַוויזן פון דעם וואָס אַמעריקאַנער אידישע פיגורן האָבן איצט אָנגעהויבן אַראָפצורייסן דעם פרעזידענט, און געדראָעט אַז זיי וועלן אים מער נישט שטיצן.

פילע נייעס באַריכטן האָבן געמאָלדן אַז אָבאַמאַ האָט מיט זיין רעדע פאַרלוירן אַמאָליגע הייסע שטיצער, אַ שטייגער ווי דער געוועזענער מעיאָר עד קאַטש וועלכער האָט געזאָגט: "איך פאַרדאַם אים פאַר דעם"; מאָרטימער זוקערמאַן, אַ אידישער ביליאָנער וועלכער האָט געשטיצט אָבאַמאַ אין '08, האָט געזאָגט אַז געוועזענע אָבאַמאַ אידישע שטיצער זענען אויפגערעגט. "ער וועט באַקומען ווייניגער פאָליטישע שטיצע, ווייניגער אַקטיוויסטן פאַר זיין קאַמפיין"; און ענליכעס האָט מען געהערט פון פילע אַנדערע אידישע מויל-מאַכער.

## נתניה אין באַגעגעניש מיט אָבאַמאַ וואַרפט אָפּ פאַרלאַנג

דער חוצפה'דיגסטער אַנטוואָרט איז געקומען פרייטאָג, ווען נאָך אַ מיטינג מיט פרעזידענט אָבאַמאַ האָבן ביידע – נאָך זיצנדיג אינאיינעם - געגעבן סטעיטמענטס פאַר די פרעסע. פרעזידענט אָבאַמאַ האָט פרובירט צו גיין צווישן די טראָפּנס, און נישט אָנרירן די חילוקי דעות, בעת נתניה האָט זיך יאָ אַריינגעלאָזט אין דעטאַלן און צוריקגעשמיסן אָבאַמאַ'ן אין פנים אַריין, אָפּוואַרפנדיג זיינע פאַרלאַנגן.

**צווישן נתניה'ס לאָזונגען זענען געווען: "אַ שלום באַזירט אויף אילוזיעס וועט עווענטועל קראַכן אויף די פעלזן שטיינער פונעם מיטל מזרח רעאַליטעט"; "עס קען נישט צוריקגיין צו די '67 ליניעס, ווייל די ליניעס זענען אומפאַרטיידיגבאַר"; ער האָט געזאָגט אַז ווילאַנג די פאַלעסטינער גייען מיט כאַמאַס קען מען נישט פאַרהאַנדלען; און ער האָט אויך פאַרלאַנגט אַז מ'דאַרף נעמען אין חשבון ענדערונגען אויף דער ערד, נעמליך אַז מען האָט שוין אויפגעבויעט ריזיגע ישובים בלאָקס אַרויס פון די גרינע ליניע.**

**די רייד פון נתניה האָט אַרויפגעשיקט דעם בלוט אין קאָפּ פאַר מיליאָנען אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן געזען ווי זייער פרעזידענט פירט זיך אויף מיט זיידענע הענטשוך און פרובירט צו פאַרגלעטן די דיפערענצן, ווי "חילוקי דעות צווישן פריינט", בעת דער פרעכער איזראַעלי פירט זיך אויף ווי די גאַנצע וועלט איז אים שולדיג און ער קען יעדן איינטיילן וואָס צו טאָן, און לייגט דוקא יאָ אַרויס זיינע דיפערענצן, בעת'ן זיצן אינאיינעם מיט'ן פרעזידענט.**

## נתניהו בינדט צו זיינע פאַליסיס צו השתוקקות פון אידן פאַר טויזנטער יאָרן צו ארץ ישראל

אין צוגאָב צו די פרעכע חוצפה און התגרות באומות, וואָס פירט אַריין אידן איבער די וועלט אין אַ געפערליכע סכנה און רופט אַרויס אַ געפערליכער חילול השם, איז נאָך גרעסער די סכנה אויף ערליכע אידן, וויבאַלד נתניה האָט איינגעהילט זיין פרעכער אַנטוואָרט און האַרטנעקיגע שטעלונגען אין אַ שלייער פון רעליגיע און די השתוקקות וואָס אידן האָבן צו ארץ ישראל. פאָלגענד זענען טייל פון זיינע אויסדרוקן:

**"דאָס איז דער פאַרצייטישער עם ישראל. ווי דו (פרעזידענט אָבאַמאַ) ווייסט, זענען מיר שוין דאָ פאַר כמעט פיר טויזנט יאָר. מיר האָבן דורכגעמאַכט פלאָגענישן און ליידן ווי קיין שום אַנדערע מענטשן. מיר זענען דורכגעגאַנגען גרושים און פאָגראָמען, שחיטות און די מאָרדן פון מיליאָנען. אָבער איך קען זאָגן אַז אפילו אין טיפענישן פון תהום פון טויט, האָבן מיר קיינמאָל נישט פאַרלוירן האָפענונג, און מיר האָבן קיינמאָל נישט פאַרלוירן אונזער חלום צוריקצוגרינדן אַ זעלבסט-שטענדיג לאַנד אין אונזער פאַרצייטישן היימלאַנד, ארץ ישראל."**

מיט זיין פאַרזוך צוזאַמענצושטעלן דעם ציונ'יסטישן קאַמף און עקשנות אָנצוהאַלטן די שטחים, מיט'ן טרוים פון אידישע קינדער צוריקצוגיין אויף ארץ ישראל ווען מ'וועט שוין זוכה זיין צום בשובך לציון ברחמים, וואַרפט

**...די רייד פון נתניה האָט אַרויפגעשיקט דעם בלוט אין קאָפּ פאַר מיליאָנען אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן געזען ווי זייער פרעזידענט פירט זיך אויף מיט זיידענע הענטשוך און פרובירט צו פאַרגלעטן די דיפערענצן, ווי "חילוקי דעות צווישן פריינט", בעת דער פרעכער איזראַעלי פירט זיך אויף ווי די גאַנצע וועלט איז אים שולדיג און ער קען יעדן איינטיילן וואָס צו טאָן, און לייגט דוקא יאָ אַרויס זיינע דיפערענצן, בעת'ן זיצן אינאיינעם מיט'ן פרעזידענט...**

C&G TYPOGRAPHIC / 718-935-1945

נתניה אַרויף אויף אַ נאַסן ליילעך אויף אַלע ערליכע אידן, ווי גלייך זיי זענען אין שטיצע פון זיינע עקספּאַנסיאָניסטישע פּאָליסיס, און ווי גלייך איזראַעל'ס עקזיסטענץ איז בשם התורה.

עס איז טראַגי-איראָניש אַז אַ מינוט דערנאָך האָט דער זעלבער נתניה געלאָזט הערן דברי בלע וכפירה, און קלאָר געצייגט אַז זיי זענען כופרים בעיקר און כופרים אין ביאת משיח צדקינו צו וואָס אידן אין די טויזנטער יאָרן האָבן געבעטן, געהאָפט און געגאַרט.

אין שלוס פון זיינע ווערטער האָט ער געזאָגט אַז ער וויל זיכער מאַכן אַז דער שלום וועט פאַרזיכערן איזראַעל'ס זיכערהייט און נישט שטעלן אין געפאַר איר עקזיסטענץ, ווייל "מיר האָבן נישט קיין סאַך פּלאַץ פאַר גרייזן. און ווייל, מר. פּרעזידענט, היסטאָריע וועט נישט געבן פאַר אידן נאָך אַ שאַנס" – עפ"ל.

טראָץ וואָס ער האָט קלאָר אַרויסגעצייגט זיינע כופר'ישע קאָלירן, האָט דאָס אים נישט אָפּגעהאַלטן פון אומפאַרשעמטערהייט זיך צו באַציען צום צפיה לישועה פון אידן אין אַלע יאָרן. דאָס איז ליידער גורם אַ געפערליכע חילול השם, ווי גלייך די אַלע חוצפה'דיגע שטיק זענען בשם התורה און צוליב די תורה, און שטעלן ערליכע אידן אין אַ גרעסערע סכנה, דורך אָפּמאַלן ווי גלייך זיי זענען דער גרעסטער אָפּהאַלט צו שלום און זענען דער מקור פון די וועלט'ס פּראָבלעמען.

עס דאַרף באַטאָנט ווערן אַז די התגרות באומות האָט דאָס מאָל דערגרייכט צו אַזעלכע געפערליכע שטופעס, אַז עס איז געווען באַריכטעט אפילו אַ גרויסער מנהיג פון די אגודה האָט דאַסמאָל אַרויסגערעדט דערקעגן. דער פאַקט אַז יענער האָט עס שוין אויך געזען אַלס התגרות, שטרייכט אונטער אַז דאַסמאָל איז די חוצפה אַריבער אַלע גבולים פון ביז היינט.

...טראָץ וואָס עס איז געווען אַ וויקענד, האָט מען ב"ה באַוויזן שוין אַהערצושטעלן אַ הערכסט קלאָרן, קאָנדענסירטן און עלאָקוואַנטן מעסעדזש, וואָס ווערט אין די טעג געלופטערט אויף די ראַדיאָ כוואַליעס...

ווי אויך האָט עס אַן אַנטוואָרט צו נתניה'ס לאָזונגען אַז מדינת ישראל איז דאָס אויף וואָס אידן האָבן געבענקט פאַר טויזנטער יאָרן...

## אָבאַמאַ פאַרוואָסערט שטעלונג ביי עיפּאַ"ק קאָנפערענץ

**זונטאָג איז פּרעזידענט אָבאַמאַ אויפגעטרעטן ביי די יערליכע קאָנפערענץ פון עיפּאַ"ק, די מאַכטפולע ציוני'סטישע לאָבי אין וואַשינגטאָן. דאָרט האָט ער אַביסל אָפּגעוויכט – טראָץ וואָס נישט אָפּגעטרעטן – פון זיינע שטעלונגען אין די דאָנערשטאָגיגע רעדע. ער האָט באַצייכנט די נייע פּאַלעסטינער רעגירונג, אינאיינעם מיט כאַמאַס, אַלס "געפערליכער שטער צו שלום."**

טראָץ וואָס עס זענען נישט פּאַקטיש נישט געווען קיין ערנסטע ענדערונגען אין זיין שטעלונג פון דאָנערשטאָג, האָט אָבער אָבאַמאַ אָבער מער אַרויסגעהויבן פּראָ-ציוני'סטישע וויזיעס, און עס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר די ציוני'סטישע דל-גאים אַהערצושטעלן ווי אָבאַמאַ האָט זיך אונטערגעגעבן פאַר זיי. דאָס איז נאָך אומשטאַנד מער אָנצורייצן די געמיטער פון אַמעריקאַנער און אַנדערע קעגן אידן, זעענדיג ווי זיי האַלטן דעם פּרעזידענט ביים גאָרגעל און האָבן אים געצווינגען אָפּצוטרעטן פון זיינע מיטל מזרח פּאָליסיס.

## אָבאַמאַ: אידן האָבן געבענקט זיך צוריקצוקערן צו זייער אַלט-פּאַרצייטישע היימלאַנד

**אין זיין עיפּאַ"ק רעדע האָט אָבאַמאַ זיך אויך באַצויגן צו דעם וואָס אידן "האָבן זיך געבענקט זיך צוריקצוקערן צו זייער פּאַרצייטישער היימלאַנד." ביז היינט – זאָגט די 'דזשערוסעלעם פּאָוסט' – האָט אָבאַמאַ "נישט געצייגט קיין קלאָרע פאַרבינדונג צו אידן'ס לאַנגע פאַרבינדונג צום ראַיאָן." פּרעזידענט אָבאַמאַ האָט אפנים איינגעזען דעם בלאָף פון די ציונים'ס זיך פאַררופן אויף כלל ישראל'ס שטרעבונג און קשר צו ארץ ישראל, און דאָס איז געווען אַ טובה אַז ערליכע אידן זענען נישט אַזוי צוגעבינדן געוואָרן צום קאַמף פון די ציונים.**

צום באַדויערן האָט זיך דאָס איצט געטוישט, פּיליכט ווייל דער פּרעזידענט האָט דערמיט געוואָלט צוואוואַרפן אַ ביינדל פאַר די ציונים.

[אין די פּרעסע איז אָבער אָנגעדייט געוואָרן אַז טראָץ וואָס ער האָט זיי גע'חנופה'ט, איז דאָס נאָכנישט גענוג געווען פאַר יעדן, און עס זענען נאָך געווען עטליכע מאָל צווישנרופן צו פאַרשעמען דעם פּרעזידענט. דאָס שטרייכט ווידער אַמאָל אונטער וואָסערע כפוי טובה זיי זענען, און רעגן אויף אַמעריקאַנער וועלכע זעען ווי ווייט די איזראַעליס און איזראַעלישע אינטערעסן האַלטן די אַמעריקאַנער רעגירונג איז זיי אַלעס שולדיג, און אַ קליינער אָפּנויג פון זייערע אַנשוואונגען ווערט שוין פאַרשריגן.]

## אם החרש תחרישי כעת הזאת?

ווער ס'פאָלגט אַביסל נאָך די נייעס, זעט קלאָר ווי אַזוי איזראַעל, און זייער חוצפה קעגן אָבאַמאַ, רופט אַרויס בייז-בלוט ביים אַמעריקאַנער פאָלק און איבער די וועלט. ליידער, איז קלאָר אַז דאָס שטעלט אַריין אידן אומעטום איבער די וועלט אין אַ געפערליכע סכנה, צוליב זייערע התגרות באומות.

רבינו הקוה"ט זי"ע האָט קלאָר געזאָגט אַז מ'דאַרף זיך מוסר נפש זיין קלאָר צו שטעלן אַז די ציונים רעדן נישט בשם כל ישראל, כדי אַראָפּצונעמען די סכנה אין וועלכע זיי פירן אַריין כלל ישראל. עס איז קלאָר אַז איצט – מער ווי אייביג – איז נישט קיין צייט וואָס מ'קען שווייגן און לאָזן די ציונים אָנהייצן שנאת ישראל, וואָס תוצאותיה מי ישורנה ה"י. אין צוגאָב, זענען מיר מחוייב אָפּצושלאָגן דעם חילול השם שמים וואָס קומט אַרויס פון דעם וואָס עס זעט אויס ווי די תורה הקדושה איז די סיבה צו די שפּאַרבערישע שריט.

## נטורנא וועט לאָזן הערן דעם קול ה' בכח קבל תבל ומלואה

**ברוך שמסר עולמו לשומרים – זינט פאַריגן סוף וואָך, ווען די נייעסן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האָט נטורנא אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט פּובליק רילעישאַנס מומחים אויף אַ באַלדיגן-צייטליכן קאַמפּיין, אָפּצושלאָגן דעם אימעדזש אַז ערליכע אידן שטיצן נתניה'ס און איזראַעל'ס שריט.**

טראָץ וואָס עס איז געווען אַ וויקענד, האָט מען ב"ה באַוויזן שוין אַהערצושטעלן אַ הערכסט קלאָרן, קאָנדענסירטן און עלאָקוואַנטן מעסעדזש, וואָס ווערט אין די טעג געלופטערט אויף די ראַדיאָ כוואַליעס. די מעסעדזש איז ספּעציעל אויסגעאַרבעט געוואָרן אַרויסצוברענגען די ריכטיגע פונקטן אויף אַ הערכסט סאָפיסטיקירטן, קורצן וועג, אַריינצודרינגען בעזה"ה אין די מיליאָנען צוהערער. ווי אויך האָט עס אַן אַנטוואָרט צו נתניה'ס לאָזונגען אַז מדינת ישראל איז דאָס אויף וואָס אידן האָבן געבענקט פאַר טויזנטער יאָרן.

פאָלגענד זענען עטליכע אויסצוגן:

**"פון זינט די אידן זענען געשיקט געוואָרן אין גלות, לויט אַ באַפעל פון אויבן, האָבן די אידישע מענטשן קיינמאָל נישט געזוכט אויפצושטעלן אַ זעלבסטשטענדיגע הערשאַפט אינעם הייליגן לאַנד אָדער ערגעץ אַנדערש.**

**אַנשטאָט, האָבן אידן גערודלדיג געוואַרט, אַזוי ווי זיי זענען באַשוואוירן געוואָרן, אויף'ן טאָג פון די גאולה, ווען עס וועט זיין פרידן צווישן אַלע מענטשן."**

**"די ציונ'יסטישע אידעלאָגיע איז יסודות'דיג קעגן די תורה: עס לייקענט אָפּ די סאַמע אידישע אמונה אין גאולה מן השמים, און עס ערזעצט תורה מיט נאַציאָנאַליזם. דערפאַר האַלט ציוני'זם אַ גרויסן גרייז-פלאַץ, און איז באַזירט אויף אילוזיעס; דאָס איז פאַרוואָס עס האָט שוין געקראַכט אויף די פעלזן שטיינער פונעם מיטל מזרח רעאַליטעט."**

מערקט אויף, די לעצטע צוויי פראַזעס נעמען נתניה'ס לאָזונגען, און צייגן ווי פאַלש און לעכערליך זיי זענען.

ווייטער זאָגט די מעסעדזש:

**"אַלס אַמעריקאַנער אידן, בעטן מיר פאַר די וואוילזיין און הצלחה פון די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע, געפירט דורך'ן געערטן פּרעזידענט באַראַק אָבאַמאַ. די איזראַעלישע רעגירונג קען נישט – און זאָל נישט – זיך אַהערשטעלן צו פאַרטרעטן די אַלוועלטליכע אידענטום, אויך זאָל די ציונ'יסטישע לאַנד נישט ווערן אידענטיפיצירט אַלס אידיש לאַנד."**

**"דאָס פאַרטושען די גרעניצן צווישן אידישקייט און ציונ'יזם, שטעלט אין געפאַר די זיכערהייט פון אידן וואָס וואוינען איבעראַל אין די וועלט, אַריינגערעכנט אונזערע געשוויסטער אינעם הייליגן לאַנד."**

אין די לעצטע טעג איז מען געזעצן שעות אויף שעות, מיט עקספּערטן, און בעלי השקפה וועלכע האָבן מקבל געווען פון רבינו הקוה"ט זי"ע די ריכטיגע וועגן ווי אַזוי מודיע צו זיין פאַר די אומות העולם אונזער שטעלונג, וואָס עס איז אַ ספּעציעלער קונץ עס אַרויסצוברענגען אין די ראַמען פון אַ קורצע ראַדיאָ מעסעדזש. מען איז פילצאָליגע מאָל איבערגעגאַנגען, אויסגעבעסערט, און צוגעפּיצט די מעסעדזשעס צו פאַרזיכערן אַז די מעסעדזשעס זענען אַמבעסטן אויסגעשטעלט צו דינען זייער ציל. אין די טעג דאַרפן די מעסעדזשעס אָנהייבן צו לויפן אויף די ראַדיאָ כוואַליעס, אין אַ גאָר קאָסטבאַרער קאַמפּיין, מער ווי סיי ווען בעפאָר, אָפּצושלאָגן דעם אומגעהויערן התגרות באומות און חילול השם.

נטרונא קוקט אַרויס אויף די וואַרימע שטיצע פונעם ברייטן ציבור תלמידיו ותלמידי תלמידיו פון רבינו הקוה"ט זי"ע, וועלכע באַגרייפן די וויכטיקייט פון אָפּשלאָגן דעם חילול ה' און סכנה וואָס די ציונים ברענגען אויף כלל ישראל. נאָר אַזוי וועט מען באַוויזן דורכצופירן דעם פאַרצווייגטן קאַמפּיין, וואָס ציעט אַריין אין שווערע רבבות.

ויה"ר אַז אין זכות וואָס אידן וועלן זיך אָנשטרענגען פאַר למען כבוד שמו יתברך המחולל, און אָפּצוטאָן סכנות פון אידישע קינדער איבער די וועלט, זאָלן מיר שוין זוכה זיין צום ותחזנה עינינו בשובך לציון ברחמים, אויף וואָס אידן בענקן זיך און בעטן שוין דערויף פאַר טויזנטער יאָרן, בהתגלות כבוד שמים עלינו בב"א.

טייערע אידן אחים לדעה! לא עת לחשות!

# ס'ברענט אַ פייער
## פון חילול ה' און התגרות באומות

נאָכדעם וואָס דער **אַמעריקאַנער פּרעזידענט** האָט די פאַרגאַנגענע וואָך עפנטליך דערקלערט די **שטעלונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן** אַז עס דאַרף **אַוועקגעשטעלט ווערן אַ פּאַלעסטינער שטאַט**, באַזירט אויף די **גרעניצן בעפאָר די תשכ"ז מלחמה**, איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג אַ **ווילדע און געפאַרפולע קאַמפּיין** דירעקט קעגן דעם אַמעריקאַנעם פּרעזידענט, אָנגעפירט דורך **די העכסט־ראַנגיגע ציוני'סטישע מויל־מאַכער אין אַמעריקע**, אויף גאָר אַ העסליכען פאַרנעם.

**ביבי נתני',** דער ראש הכופרים, האָט דעם פאַרלאָפענעם פרייטאָג **זייענדיג אין וואַשינגטאָן פּרעכערדהייט אַטאַקירט דעם פּרעזידענט אין פנים אריין.** אַנדערע רייצערישע **סטעיטמענטס** איז געהערט געוואָרן אויך פון נאָך **ציוני'סטישע שישקעס.** דער **אַמעריקאַנער גאַס שטורעמט אויף די חוצפה און אַראָגאַנץ פון די הדיוטים קופצים.** פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער הילעכט ליידער אָפּ די שרעקליכע ציוני'סטישע רייצונגען מיט דער גרעסטער וועלטמאַכט. די **גאַנצע וועלט קוקט אַצינד נאָך וואָס ס'וועט זיך אויסקאָכן אינעם פרישן קאָנפליקט צווישן וואַשינגטאָן און איזראַעל.** דער חילול ה' און סכנת ישראל האָט איצט דערגרייכט אַ קלימאַקס!

<<<< אין אַזאַ קריטישע צייט פאָדערט זיך דורכצופירן זאָפאָרטיגע דראַסטישע שריט אָפּצושלאָגן דעם גרויסן חילול ה'. מיר קענען נישט און טאָרן נישט שווייגן קיין איין איבריגע מינוט.

**דער אמת'ער תורה שטעלונג מוז דערהערט ווערן אין די ברייטע גאַס וואָס גיכער!**

**'נטרונא' גרייט זיך פריש צו לאָזן לופטערן קאָסטבאַרע פּרעסטיזשפולע רעקלאַמעס אויף די גרעסטע ראַדיאָ נעצן איבער דער וועלט אין די גאַנץ נאָנטע טעג בעז"ה**

די מעסעדשעס וועלן לויפן בו בעת וואָס דער ראש הכופרים וועט אויפטרעטן אינעם קאָנגרעס הויז. זה לעומת זה, וועט אין דער זעלבער צייט קלאָרגעשטעלט ווערן פאַר די וועלט עפנטליכקייט אַז תורה-טרייע אידן זענען לאָיאַלע בירגער פאַרן לאַנד אין וואו זיי וואוינען, און די ציוניסטישע דלי גאה רעפּרעזענטירן נישט דעם אידישן פאָלק

<<<< **צו ערמעגליכן די אַנאָנסן מוז געשאַפן ווערן אין די קומענדיגע 48 שעה**

**דער פאַנטאַסטישער געלט־סומע פון: 25 טויזענט דאָלער**

<<< יש קונה עולמו בשעה אחת! קויפט אייך אַ זכות פון **איין מינוט אין אַ ראַדיאָ־רעקלאַמע פאַר 550 דאָלער!**

**רופט איצט די אָפיסעס פון 'נטרונא' בייצושטייערן**

>>> **347.450.0717** <<<

Project: YHK Services | 718.705.7210